בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## פרשת חקת

פה קרית טאהש יצ"ו

ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש ני"ו**

**438-920-4312**

# תורה א

## - א -

**וידבר ה׳ אל משה ואל אהרן לאמר, זאת חקת התורה אשר צוה ה׳ לאמר.**

זאגט דער מדרש (שמו״ר יט ג), דא שטייט זאת חקת התורה, און ביי די מצוה פון קרבן פסח שטייט זאת חקת הפסח, וועלכע פון די צוויי איז גרעסער, ענטפערט ער מיט א משל צו צוויי מטרונות וואס גייען צוזאמען, מ׳ווייסט נישט וועלכע איז גרעסער, ווען זיי קומען אן צום שטוב, איז די וואס גייט אריין פריער, מ׳באגלייט איר אין שטוב אריין, זי איז גרעסער, אזוי גייט די טהרת הפרה פריער, שאוכלי פסח צריכין לה, די אוכלי פסח דארפן אויך צוקומען צו די טהרה פון די פרה אדומה, הייסט דאס אז די מצות הפסח גייט נאך נאכן מצות פרה, איז דער פרה א גרעסערע מצוה, דאס איז חשוב׳ער.

שטעלן זיך די ספרים הק׳ אויף דעם, דער קרבן פסח איז דאך דער עיקר, דאס איז געווען די ערשטע מצוה, און אין דעם זכות זענען יודן געווארן אויסגעלייזט, און דער פרה אדומה איז נאר א הכנה צו דעם, ס׳איז א תקנה אויב ס׳איז דא א טומאה, ווי קען זיין אז דאס זאל זיין גרעסער פונעם פסח אליין,ביידע זענען זייער גרויס, אבער דער פרה זאל זיין גרעסער.

זענען די ספרים הק׳ מסביר דאס, די הויכע ספרים, די ספרי מהר״ל און נאך, אז דא ליגט א יסוד וואס א מענטש דארף א גאנץ לעבן צו וויסן. ס׳זענען דא אין די תורה, מצוות עשה און מצוות לא תעשה, יעדע מצות עשה וואס א יוד איז מקיים, ברענגט א געוואלדיגע קדושה אויף אים, אבער א לא תעשה, ווען דער מענטש האלט זיך צוריק פון טון וואס מ׳טאר נישט, ווען דער מענטש האט א נסיון צו אן עבירה, און ער אנטלויפט דערפון, באקומט ער אזא כח הקדושה, אז ס׳איז אין לשער, אסאך מער ווי ביי א מצות עשה, לויט ווי גרויס די עבירה האט געוואלט זיין, און ער טוט דאס נישט, לויט דעם קומט אריין אין אים א קדושה.

די ספרים זענען דאס מסביר נאך, מיט דעם וואס מ׳ווייסט, ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט, אזוי ווי די נשמה גייט ארויס, קומען די חיצונים אריין אהין, אויף דעם פלאץ, פארוואס, זאגט דער זוה״ק (ח״ג פח:), ווייל ס׳איז געווען דארט א נשמה קדושה, די נשמה פון א יוד איז דאך זייער הייליג, לויט דעם קומט דער כח הרע אהין אריין, זה לעומת זה. די זעלבע ווען דער מענטש אנטלויפט פון אן עבירה, לויט ווי

גרויס דער כח הטומאה איז געווען, און ער האט עס פארטריבן, קומט אריין דער כח הקדושה דארט, עס גייט אלץ זה לעומת זה.

**דארף** מען דאס וויסן, דאס איז א כלל גדול, ווען דער מענטש זעהט אזאך וואס טויג נישט, און ער אנטלויפט דערפון, ער האלט זיך צוריק, אפילו ער טוט גארנישט, נאר במחשבה אנטלויפט ער פון א געדאנק וואס טויג נישט, ישב ולא עבר עבירה, קומט אריין אין אים א געוואלדיגער כח הקדושה. אפילו א מענטש וואס האט נישט קיין גרויסע השגות, ער ווייסט נישט קיין סאך, און ער קען נישט טון קיין גרויסע עבודות, פון דעם אליין וואס ער האלט זיך צוריק פון שלעכטס, קען ער צוקומען צו גרויסע זאכן, קען ער ווערן א צדיק. ווידער אז א מענטש איז מקיים אפילו אסאך גרויסע מצות, מיט גרויסע השגות, אויב די סור מרע איז שוואך ביי אים, ער היט זיך נישט גענוג אפ פון שלעכטס, קען ער נישט זוכה זיין צו די ריכטיגע קדושה, דער עשה טוב קען נאר זיין גוט, אויב דער סור מרע איז ווי ס'דארף צו זיין, אין דעם ווענדט זיך אלעס.

**דאס** איז פשט אינעם מדרש, דער חקת הפסח איז א געוואלדיגע גרויסע מצוה, אבער דער חקת הפרה איז געקומען אויף סור מרע, מטהר צו זיין פון טומאה, דאס איז א גרעסערע זאך, ווי מ'זעהט טאקע, אז אָן די טהרה פונעם פרה קען מען נישט מאכן קיין קרבן פסח, פארוואס, ווייל דער עשה טוב קען נישט זיין גוט נאר ווען ס'איז דא דער סור מרע, אזוי ווי ביי דעם משל פון די צוויי מטרונות, די צווייטע מטרונא גייט נאך די ערשטע, אזוי גייט דער עשה טוב נאך דעם סור מרע, נאך די סור מרע קען קומען דער עשה טוב.

## - ב -

**דאס** ברויך מען שטארק געדענקן, יעדע מצוה וואס א יוד איז מקיים, ברענגט א געוואלדיגע קדושה, און ס'היט דעם מענטש, שומר מצוה לא ידע דבר רע, און דער שכר איז געוואלדיג גרויס, אבער דער סור מרע איז אסאך א גרעסערער כח, דער וואס אנטלויפט פון שלעכטס, איז זוכה צו די גרעסטע כח הקדושה, ער איז דער רייכסטער מענטש. און דאס איז א געוואלדיגע עצה, זאגן די ספרים הק', ווען א מענטש שפירט זיך ווייט פון אייבערשטן, ער זעהט אז ער שפירט נישט דעם אור ה', קען ער דאס אויפוועקן דורך דעם, ער זאל אנטלויפן פון שלעכטס, ער זאל זיך שטארקן איבער די שוועריגקייטן, למשל אויב ער האט א שווערע נאטור, ער לייגט זיך שווער, און ער שטייט אויף שווער, אדער ער האט אין זיך שלעכטע מדות, און ער שטארקט זיך, קען

ער פון דארט אנהייבן שפירן א געוואלדיגע קרבת אלקים. דאס זענען די ספרים מסביר און מסביר, דאס ליגט אינעם מדרש, די ספרים זענען נאר מגלה דעם פשט אינעם מדרש.

און דאס וויל דער מענטש נישט וויסן, מקיים צו זיין א מצוה איז אים גאנץ גרינג, אבער זיך צו שטארקן איבער א שוועריגקייט וויל ער נישט, ער זאגט ער קען נישט, ער האט נישט קיין כח. דארט וואו ער וויל האט ער כח, צו כאפן שריים שטופט ער זיך, דארט האט ער אסאך כח, נאר אויפצושטיין צופרי, זאגט ער ער קען נישט, און שטיין אויף א פלאץ ביים דאווענען, און זיצן אפאר שעה ביים לערנען, זאגט ער ער קען נישט, דארט האט ער שוין נישט קיין כח, ער לויפט אריין און ארויס, און אז ער האט שוין געלערנט א שעה צוויי, איז עס שוין צופיל פאר אים.

אזוי זענען דא אסאך זאכן, וואס זענען נאכגעלאזט ביים מענטש, ווייל ער וויל זיך נישט שטארקן, זאגט ער, ער קען נישט, דער קען נישט דאס, דער קען נישט דאס, פאר יעדן מענטש פארקויפט דער בעל דבר עפעס אנדערש, איינעם שלעפט ער ביים לערנען, איינעם ביים דאווענען, איינעם שלעפט ער אריין אין שלעכטע מדות, אין קנאה ושנאה וואס קומען אריין, איינעם שלעפט אריין מיטן רעדן, ער האט א תאוה צו רעדן אלע נייעסן, א גאנצע וואך, און שבת. שבת טאר מען דאך נישט רעדן נאר דברי תורה, און מילי דעלמא נאר וואס מ'מוז האבן, אז מ'דארף איז עס א מצוה, אבער סתם שמועסן טאר מען נישט, אזוי איז די הלכה, און מען איז דאס גארנישט מקיים. ביי שלש סעודות טוט זיך א רודער, א רעש, איך וויל חלילה נישט מקטרג זיין, ישראל קדושים הם, מ'פארשטייט נאר נישט, מ'ווייסט נישט, די חכמים לערנען ארויס, אז נישט נאר א מלאכה טאר מען נישט טון, מ'טאר אויך נישט רעדן שבת, את שבתותי תשמורו, אזוי ווי איך האב גערועט פון דיבור, דארפט עטץ אויך רוען פון דיבור, נאר וואס מ'דארף פאר שבת מעג מען. און דערוויל וויל זיך דער מענטש גארנישט אנשטרענגן, ער וויל נישט אפשטעלן דאס מויל פון גיין, ווייל ער וויל טון נאר וואס ס'איז אים גרינג.

און אזוי ביי אלע עניני היתר, דער מענטש דארף עסן, ער דארף שלאפן, מ'דארף זיך אבער דערווייטערן פון די תאוה דערפון, קדש עצמך במותר לך, כאטש ס'איז מותר לך, דארף עס זיין מיט קדושה. אויב דער מענטש טוט אזוי, ער שטארקט זיך איבער די תאוה, באקומט ער נאכדעם דערפאר גרויסע אורות, גרויסע קדושות, פון דעם קומט דער עיקר קדושה, פונעם סור מרע. אויף דעם זאגט דער פסוק, כח מעשיו הגיד לעמו, הגיד איז א לשון המשכה, דער אייבערשטער האט ממשיך געווען, לעמו

פאר יודן, כח מעשיו, דער כח פונעם עולם העשיה, ער האט געגעבן די תורה, מ'זאל עס מקיים זיין דא אונטן, אלעס וואס מ'טוט איז מיטן עולם העשיה געבונדן, סיי די מצות, למשל תפילין, ציצית, זענען געמאכט פון גשמיות, פון צמר און פון עור בהמה, און אזוי אלע ענינים גשמיים, אכילה, שתיה. אין גן עדן איז מען אויך מקיים די תורה, באופן רוחני, אבער אונז האט מען עס געגעבן, מיר זאלן עס מקיים זיין דא, דאס טייטש כח מעשיו הגיד לעמו, מקיים צו זיין אין עולם העשיה. פארוואס, לתת להם נחלת גוים, גוים מיינט מען די ניצוצות, אין יעדע זאך, אין יעדן דומם צומח חי מדבר ליגן באהאלטן ניצוצות, און ווען א יוד טוט מיט דעם א מצוה, איז ער מעלה די ניצוצות פון די זאך, פון דעם האט דער אייבערשטער גרויס תענוג, פאר דעם גיט ער פאר יודן גרויס שכר, דאס טייטש לתת להם נחלת גוים, כדי זיי צו באצאלן פאר די עבודה פון העלאת הניצוצות, גרויסע אורות קומען פאר דעם, טאקע ווייל מ'איז אין עולם העשיה, און דער מענטש איז זיך מקדש, ער טוט יעדע זאך בקדושה וטהרה, איז ער זוכה ווענן דעם צו א גרויסע קדושה.

אזוי אויך מיט די מחשבה למשל, אז ס'קומט אריין אינעם מענטש א מחשבה רעה, אדער א פרעמדע מחשבה ביים דאווענען און ביים לערנען, און ער אנטלויפט דערפון, ער וויל עס נישט, ער וויל ארויסזאגן ערליך די ווערטער פונעם דאווענען, גיט מען אים ווענן דעם גרויס קדושה, ווייל ער האט זיך געשטארקט. ביים לערנען איז דאס גרינגער, צו טון אן א פרעמדע מחשבה, ווייל אזוי ווי מ'גייט אריין אינעם ענין וואס מ'לערנט, ציעט עס פון איינס צו די אנדערע, ס'גייט מיט איין המשך, ביים דאווענען איז שווערער די זאך, דארט ברויך מען פארלייגן מער כח אוועקצושטופן די פרעמדע מחשבות, און אז דער מענטש טוט דאס, ער לאזט זיך נישט, קומט די קדושה אקעגן.

- ג -

זאל מען נתעורר ווערן אויף דעם פון די פרשה, אין יעדע פרשה זענען דא פארשידענע אורות, וואס קומען דערלייכטן דעם מענטש, יעדע סדרה, יעדע פרשה, גיט פאר יודן גרויסע כחות, גרויסע קדושות. און די פרשה פון די וואך, פרשת פרה, קומט לערנען דאס, אז דער עיקר איז די טהרה פון שלעכטס, דאס זאל מען מיטנעמען. מ'זינגט אמר רבי עקיבא, לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים, דער מענטש קען עס זינגן טויזענט מאל, און וואס טוט ער ווענן דעם, מיטן זינגן איז שוין ערלעדיגט, מ'דארף דאך פון דעם צוקומען צו עפעס, צו פארשטיין וואס א מענטש ברויך צו טון אויף דער וועלט, זיך מטהר זיין פארן אייבערשטן, מה מקוה מטהר את

הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל, דארף ער דאך דאס צו לאזן, ער זאל וועלן זיך מטהר זיין.

**פארדעם** האט דער בעש"ט הק' איינגעפירט אזוי שטארק דער ענין פון מקוה, מ'זאל גיין יעדן טאג, ער האט איינגעריסן אויף דעם, ווייל דער יסוד פון א יוד איז די טהרה, דער עשה טוב קען נאר דעמאלטס נתקבל ווערן, אויב ס'ווערט געטון מיט טהרה. דער בעש"ט האט געזאגט, אויב א יוד גייט אין מקוה יעדן טאג, דאס הייסט, אפילו ער וואלט נישט געברויכט צו גיין יעצט, לויט זיין סדר, לויט זיין פארשטאנד, און ער גייט דאך, ווערט גערעכנט ווי ער וואלט געפאסט א גאנצן טאג. ער האט געזאגט, אז ער האט דאס אויסגעבעטן, אויסגעפועלט אין הימל, אז די מקוה זאל האבן א כח ווי א תענית. ס'שטייט אז ווען איינער פאסט האט ער חן, און די גמרא זאגט (תענית יא.) כל השרוי בתענית נקרא קדוש, און אן אנדערע מימרא שטייט, השרוי בתענית נקרא חוטא, ווייל ער ווערט שוואך, אבער דורך די מקוה האט ער נישט דעם חסרון פונעם תענית, האט ער נאר די מעלה אז נקרא קדוש, און ער האט חן דקדושה אויך.

**דערווייל** איז דאס גיין אין מקוה אליין זייער קאלט, אז ער גייט שוין אין מקוה, גייט ער פאר זיך, ער ווארעמט זיך דארט, און אלע קאמיטן קומען דארט פאָר. דאס הייסט זיך מטהר זיין (בתמיה), ער גייט דאך אין די מקוה אליין וועגן די תאוה. גיין אין מקוה איז טייטש, אז דער מענטש האט נישט אינזין קיין אנדערע זאך, נאר אז ער וויל זיך מטהר זיין, און נאכדעם נעמט ער דעם כח, ער וויל עס נישט פארלירן, פון די מקוה לויפט ער גלייך אין בית המדרש אריין, צום לערנען, צום דאווענען, דאס הייסט טהרה.

**אויף** דעם זיצן מיר דא ביי שלש סעודות, מ'זאל זיך אויפוועקן פון שלאף, מ'פירט זיך צו זאגן תורה ביי די שבת'דיגע טישן דוקא, מ'קען דאך זאגן אינמיטן די וואך אויך, זענען דא פארשידענע טעמים אין דעם, איינע פון די טעמים איז, ווייל שבת לויפן אלע חיצונים אוועק, אין כגוונא שטייט עס, וכל שולטני רוגזין ומארי דדינא כלהו ערקין ואתעברו מינה, וועגן די גרויסע קדושה פונעם טאג קענען זיי נישט צוקומען, ממילא אז זיי זענען נישטא, קען דער מענטש בעסער דערהערן, מער אויפפאסן וואס ער דארף פאררעכטן, ער קען מער פארשטיין, מער אריינעמען אין זיך. און פון דארט קען ער עס שוין אנכאפן, נישט נאר אויף שבת, נישט ער האט געהערט וואס מ'רעדט, און ס'איז ערלעדיגט, נאר ער זאל עס מיטנעמען, ס'זאל בלייבן דערפון א גאנצע וואך.

און נאכדעם דארף מען א גאנצע וואך ווייטער לערנען מוסר, יעדער מענטש ברויך צו לערנען מוסר יעדן טאג, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, אזוי, מיט ביידע כחות צוזאמען, די מוסר פון שבת און פון די וואכן, קען מען נתעורר ווערן צו תשובה. יעדער איינער דארף גרויס תשובה טון, עקסטער איך, איך זאל זיין א נאה דורש און א נאה מקיים. און אזוי יעדער יוד אין זיין מצב, האט נאך זאכן וואס ער דארף פאררעכטן, אפילו איינער פארשטייט שוין אסאך יודישקייט, זענען נאך דא פארשידענע זאכן וואס ער פארשטייט נישט, און אפילו וואס ער פארשטייט יא, דאכט זיך אים אז ער קען עס נישט מאכן, ער קען עס נישט מקיים זיין, ס'דאכט זיך פאר א מענטש פארשידענס, אפילו אזאך וואס איז זייער וויכטיג, טוט דער בעל דבר איינרעדן אז ער קען נישט. דער אמת איז אבער, אז ער קען יא, א מענטש קען זיך געוויינען, הרגל נעשה טבע, מ'קען איבערדרייען די טבע, מאכן א טבע שני, אזוי קען זיך דער מענטש אלץ מער ריינוגן, אלץ מער אנטלויפן פונעם רע, און מהפך זיין דעם רע לטוב, סור מרע ועשה טוב, מאך עס פאר טוב, פון דעם איז מען זוכה נאכדעם צו גרויסע אורות, צו גרויס קדושה, צו גרויס טהרה, ברכם טהרם.

זאל דער אייבערשטער העלפן, מ'זאל מיר זוכה זיין צו דעם, יודן ווילן דאך דאס, זיך מטהר זיין, זאל אונז דער אייבערשטער דערלייכטן, מ'זאל קענען מקיים זיין וואס מ'וויל, ס'זאל זיין רצון יראיו יעשה, און דורך דעם זאל מען זוכה זיין צו שפירן דעם אור ה', דעם כח הנשמה, ס'זאל זיין הנותן ליעף כח, די נשמה ווערט אנגערופן כח, ווי דער פסוק זאגט, כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה, וואס מ'טוט זאל זיין נישט נאר מיט די הענט, נאר בכחך, מיטן כח הנשמה. כל הנשמה תהלל י-ה, יעדע זאך זאל מען טון מיטן כח הנשמה. דאס טייטש הנותן ליעף כח, דער אייבערשטער גיט אריין אין א יוד א כח הנשמה, ער זאל עס שפירן, ער זאל שפירן דעם אור ה', זאלן מיר זוכה זיין צו דעם, ס'זאל זיין ותהי לרצון תמיד עבודת ישראל עמך, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ"ח)

---

## תורה ב

### - א -

**וידבר ה' אל משה ואל אהרן לאמר, זאת חקת התורה אשר צוה ה' לאמר.**

זאגט רש"י הק', לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חקה, גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר

אחריה. דאס איז דער פשטות, די מצות פרה איז א סוד, א חק בלי טעם, און ווי שלמה המלך זאגט, אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני.

**אבער** ווייטער ברענגט רש"י הק' פון רבי משה הדרשן, ער זאגט יא א טעם, אז ס'קומט מכפר זיין על מעשה העגל, די גאנצע פרשה איז ער מרמז אויף דעם, תמימה על שם ישראל שהיו תמימים ונעשו בעלי מומין, פרה, תבוא אמו ותקנח צואת בנה, און אזוי ווייטער. קומט אויס אז דער מצות פרה איז געווען אן ענין פון תשובה, דער גאנצער חטא העגל איז געקומען להורות תשובה, לא היו ישראל ראוים לאותו מעשה אלא להורות תשובה לרבים, קומט דער טהרה פון די פרה דאס ווייזן, אז ס'איז דא א טהרה אויף א חטא.

**זאגן** די ספרים הק', אז דאס וואס רש"י הק' זאגט קודם, אז די פרה אדומה איז א סוד, מיינט מען טאקע דעם סוד, אז ס'העלפט תשובה, דאס איז א סוד, לויטן מענטשליכן שכל דארף עס נישט צו העלפן, ווייל מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, איז עס העכער פון די מענטשליכע השגה, דאס מיינט תשובה קדמה לעולם, ס'איז העכער פון די סדר העולם. און ווי די ספרים הק' זאגן, אז תשובה איז בינה, ווי ס'שטייט ולבבו יבין ושב, און דאס איז דער שער החמשים פון בינה, וואס מ'קען נישט משיג זיין. פארדעם זעהט מען אז די פרה אדומה ווערט אנגערופן אימא, ווי רש"י זאגט תבוא אמו ותקנח צואת בנה, ווייל אימא איז בינה, דאס איז תשובה, תשובה ווערט אנגערופן אימא עילאה.

**פארדעם** האט מען ביי די עבודה פון די פרה אדומה, געדארפט א הכנה אזוי ווי צו די עבודה פון יום כיפור, ווי רש"י הק' ברענגט סוף פרשת צו, לעשות זה מעשה פרה, לכפר זה מעשה יום הכיפורים, וללמד שכה"ג טעון פרישה קודם יום הכיפורים שבעת ימים וכן הכהן השורף את הפרה, ווייל דער ענין פון פרה איז אזוי ווי די עבודה פון יום כיפור, ביידע זענען אן עבודה פון תשובה.

**וויל** איך נאכזאגן אביסל פון ספרים הק', וועגן דעם ענין פון תשובה וואס מ'זעהט ביים חטא העגל, פון דארט קען מען לערנען אויף אייביג, ווי אזוי די מצות התשובה דארף אויסצוזעהן. בפרט אז מיר שטייען יעצט אין חודש תמוז, ס'האבן זיך שוין אנגעהויבן די זמני תשובה, דער הייליגער עטרת צבי פון זידיטשוב זי"ע, וואס היינט אכט איז זיין יארצייט, פלעגט יעדעס יאר אין די צייט נאכזאגן פון של"ה הק', אז תמוז

איז נוטריקון ז'מני ת'שובה מ'משמשין ו'באין, דארף מען דאך שוין אנהייבן צו שמועסן פון תשובה.

**און** אין אמת'ן דארף מען דאס א גאנץ יאר האבן, תשובה איז נישט אזאך וואס מ'דארף טון אמאל, אן תשובה קען מען זיך נישט רירן, ביי יעדע טריט און שריט דארף זיין תשובה, פאר יעדע לערנען, און פאר יעדע מצוה, ברויך מען מהרהר בתשובה זיין, בעטן דעם איבערשטן ס'זאל נתקבל ווערן, די עבירות זאלן נישט אפהאלטן, מ'זאל נישט זיין א זורע אל הקוצים, אויב מ'זינדיגט חלילה, טוט יענע זייט כאפן די מצוה און די תורה לערנען, אבער אז מ'טוט תשובה, מ'נעמט זיך אונטער, ווערט עס נתקבל. און אזוי דארף מען פאר יעדע תפלה מהרהר זיין בתשובה, מ'ברויך איבערבעטן דעם איבערשטן, און מקבל זיין זיך צו פארבעסערן. און די תשובה דארף זיין אלץ מיט א שמחה, נישט מיט געוואלד, דער מענטש דארף זיך פרייען אז ער קען זיך אומקערן צום טאטן און הימל, ס'דארף זיין ביי אים די בעסטע זאך.

## - ב -

**וועל** איך נאכזאגן וועגן דעם ענין, אין פרשת כי תשא שטייט, ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו בהר סיני שני לוחות העדות, זאגט דער מדרש אויף דעם (שמו"ר מא א), הה"ד לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים, זענען דא עטליכע רמזים אויף דעם דארט אינעם מדרש, אויף איין אופן זאגט ער, לך ה' הצדקה בנתינת הלוחות, ולנו בושת הפנים במעשה העגל. נאכדעם איז דא אן אנדערער מדרש, לך ה' הצדקה לפי שלנו בושת הפנים, ולנו בושת הפנים לפי שלך ה' הצדקה.

**זאגן** די ספרים הק' פשט אזוי, ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די לוחות פאר משה רבינו, האבן יודן שוין געהאלטן נאכן חטא, זיי האבן שוין געזינדיגט מיטן עגל, דער אייבערשטער האט שוין געזאגט לך רד כי שחת עמך, אויב אזוי וואלט דאך לכאורה געווען בעסער ווען מ'לאזט די לוחות אויבן, כאטש ס'איז שוין געווען געשריבן, האט מען עס נישט געמוזט ארונטערגעבן... דער רבוש"ע האט דאך געוואוסט אז מ'וועט עס דארפן צוברעכן, אשר שברת, זאגט דאך די גמרא יישר כחך ששברת, האט ער עס דאך געקענט האלטן אויבן, מ'זאל עס נישט דארפן צוברעכן.

**שטייט** דער ביאור אויף דעם, מיט דעם וואס די גמרא זאגט (ברכות יב:) כל העושה דבר עבירה ומתבייש בו מוחלין לו על כל עוונותיו, ומתבייש בו מיינט מען, נישט אז ער שעמט זיך אויף א מינוט, נאר ער טוט אנערקענען זיין זינד, ער פארשטייט וואס

ער האט אנגעווערטשאפט, ער האט מצער געווען דעם באשעפער, און פוגם געווען די עולמות, עס טוט אים זייער וויי, דעמאלטס מוחלין לו. און ווי דער הייליגער אפטער רב זי"ע זאגט (חוהצ"י תשח), אויף דעם וואס משה רבינו האט געזאגט נאכן עגל, אנא חטא העם הזה חטאה גדולה, משה רבינו איז דאך געקומען מתפלל זיין, ממתיק דינים זיין, וואלט ער געדארפט קלענער מאכן דעם חטא, פארוואס זאגט ער אז ס'איז געווען חטאה גדולה. זאגט ער, א יוד וואס האט א השגה, אויב ער ווערט חלילה נכשל אין א חטא, האט ער פון דעם אליין געוואלדיג צער, נישט וועגן די גיהנם וואס וועט קומען דערפאר, די עונשים זענען שוין גארנישט ביי אים, לויטן צער וואס ער האט פון דעם וואס ער האט זיך אפגעריסן פונעם אייבערשטן, די זינד מאכן דאך א מחיצה, עוונותיכם מבדילין ביניכם לבין אביכם שבשמים, דער חטא פארדעקט, ס'מאכט א הפסק, מ'קען נישט שפירן דעם אייבערשטן, דאס טוט זייער וויי. ממילא זאגט ער, א מענטש וואס האט א הארץ, אן איידעלער מענטש, א בעל נפש, טוט זיך זייער מצער זיין פון דעם, נישט וועגן גיהנם, גיהנם איז אויך גענוג ביטער, אבער אים טוט וויי אסאך מער פון דעם, ווי אזוי האט ער געקענט זיך אפרייסן פון הייליגן באשעפער, ס'איז דאך א שרעקליכע זאך, זיך דערווייטערן פון הייליגן באשעפער, און מצער זיין דעם אייבערשטן, דאס איז מער צער ביי אים ווי אלע עונשים אויף דער וועלט.

**מ'זעהט** צום הייליגן ראפשיצער זי"ע, איז אמאל געקומען א יוד וואס איז געווען מלא עבירות, ער איז געקומען זיך מתודה זיין, פארציילן וואס ער האט געטאן, האט אים דער ראפשיצער געזאגט, ווי אזוי האסטו געקענט אזוי מצער זיין דעם אייבערשטן, האט דער יוד געחלש'ט, מיניה וביה איז ער צוזאמגעפאלן, מ'האט אים קוים דערמונטערט, ווייל דער הייליגער ראפשיצער האט עס געזאגט מיט אזא קדושה, מיט אזא רגש, האט ער געשפירט וואס דאס הייסט, אז ער האט זיך אפגעשיידט פון אייבערשטען, און מצער געווען די שכינה.

**דאס** האט משה רבינו געזאגט, אנא חטא העם הזה חטאה גדולה, זיי שפירן שוין אז זיי האבן געטאן א חטא גדול, ס'איז גענוג דאס, אז זיי זענען זיך וועגן דעם אזוי שטארק מצטער, זיי שפירן דאס זייער, זיי שעמען זיך זייער, דאס אליין איז א כפרה, ברויך שוין דער באשעפער נישט צו שטראפן, אז ס'איז דא די בושה, איז דאך מוחלין לו על כל עוונותיו, אם יש דין למטה אין דין למעלה, מיט דעם האט משה רבינו געוואלט ממתיק דינים זיין, זיי זענען שוין אוים מענטש, זיי האבן מער צער ווי יעדע עונש.

**ממילא** ווען דעם האט דער אייבערשטער אראפגעגעבן די לוחות אונטן, כדי די יודן זאלן זעהן ווי די הייליגע לוחות ווערן צובראכן, די לוחות זענען דאך געווען פון באשעפער אליין געשריבן, מעשה אלקים המה און מכתב אלקים הוא, און די גאנצע תורה איז אין דעם נכלל געווען, און ווען די לוחות וואלטן נישט צובראכן געווארן, וואלט נישט געווען קיין שכחה אויף דער וועלט, אז יודן וועלן זעהן אז זיי האבן גורם געווען דאס זאל פאסירן, די הייליגע לוחות זאלן צובראכן ווערן, ס'זאל אראפקומען אזא צרה אויף די וועלט, וועלן זיי פון דעם איינזעהן וואס זיי האבן אנגעווארטשאפט מיט זייער חטא, וועלן זיי אנערקענען וואס זיי האבן פוגם געווען מיט זייער זינד, פון דעם וועלן זיי צוקומען צו א געוואלדיגע בושת הפנים, און דאס וועט זיין די כפרה.

**דאס** זאגט דער מדרש, לך ה' הצדקה בנתינת הלוחות, דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז א צדקה, ער האט איבערגעגעבן די הייליגע לוחות, ס'זאל צובראכן ווערן, פארוואס, כדי ס'זאל זיין ולנו בושת הפנים, יודן זאלן דורך דעם צוקומען צו בושה. דאס איז אויך פשט אינעם אנדערן מדרש, לך ה' הצדקה לפי שלנו בושת הפנים, ווען דעם האט עס דער אייבערשטער געטון, געגעבן די לוחות, כדי אונז זאל מיר צוקומען צו די בושה. און לנו בושת הפנים לפי שלך ה' הצדקה, אונזער בושה איז געקומען ווייל אונז האב מיר געזעהן די שבירת הלוחות.

**פארדעם** שטייט אין פסוק, אין פרשת עקב זאגט משה רבינו, ואתפוש בשני הלוחות ואשליכם מעל שתי ידי ואשברם לעיניכם, ער ברענגט ארויס אז ס'איז געווען לעיניכם, פארוואס האט ער עס געדארפט צוברעכן פאר זייערע אויגן, דער אייבערשטער האט אים דאך שוין פארדעם געזאגט, כי שחת עמך, וואלט ער עס דארט ביים בארג געדארפט צוברעכן, נאר דער עיקר תכלית איז געווען, אז יודן זאלן דאס זעהן, זיי זאלן דורכדעם צוקומען צו תשובה. און אויף דעם שטייט אינעם לעצטן פסוק פון די תורה, ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר משה לעיני כל ישראל, זאגט רש"י הק', לכל יד החזקה, שקיבל את התורה בלוחות בידיו, לעיני כל ישראל, שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם, שנאמר ואשברם לעיניכם. מיט דעם ענדיגט זיך די תורה, דאס איז געווען דער גרעסטער שבח פון משה, אז ער האט צובראכן די לוחות לעיני כל ישראל, דער פסוק זאגט ארויס אז ס'איז געווען לעיני כל ישראל, דאס איז געווען די גרויסקייט דערפון, אז עס האט געברענגט די יודן צו תשובה.

**און** דאס איז אויך טייטש ולכל המורא הגדול, פון דעם זענען יודן צוגעקומען צו א געוואלדיגע יראה, דאס הייסט א געוואלדיגע בושה פון זייער חטא. ווי ס'שטייט

אין פרשת יתרו, ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו, זאגט די גמרא (נדרים כ.), אז יראתו מיינט מען דארט די בושה, יראתו זו הבושה, דאס איז טייטש ולכל המורא הגדול, דורך די שבירת הלוחות זענען יודן צוגעקומען צו א געוואלדיגע מורא און בושה פון זייער חטא, און דאס אליין איז געווען א גרויסע כפרה.

- ג -

**דאס** איז אונזער שמועס דא ביי שלש סעודות, ס'איז דאך געוואלדיג שפעט, איך אליין זאג אליך אז ס'איז שפעט, און ס'קומט אן זייער שווער דאס תורה זאגן, דער הערט נישט, און דער קען נישט קומען, ס'קומט אן מיט מסירות נפש, וואס איז דער תכלית פון דעם, אונז זאל מיר נתעורר ווערן צו תשובה, מ'זאל אנערקענען און וויסן וואו מ'שטייט, א מענטש דרייט זיך ארום אויף דער וועלט, און ער מיינט אלעס איז גוט, ער טוט גארנישט אנערקענען זיינע זינד, ער האלט גארנישט אז ס'פעלט אים עפעס. אויף דעם דארפן מיר זיצן צוזאמען, דאס ברויך איך ערקלערן מיך און אונז אלע, מ'זאל אביסל געוואויר ווערן ווי אזוי מ'זעהט אויס, ס'איז נישט פאראן קיין גרעסערע זאך וואס א מענטש ברויך געוואויר צו ווערן, ווי דאס, ער זאל וויסן ווי ווייט ער איז, און זיך שעמען פון זיינע מעשים.

**און** דאס איז אונזער ישועה אויף וואס מירווארטן, יעדער פון אונז ווייסט ער וויל געהאלפן ווערן, וואס וויל ער געהאלפן ווערן, ער זאל האבן א בעסער שטיקל ברויט, דאס וועט זיין די ישועה (בתמיה), אודאי ברויך מען צו האבן ברויט אויך, מ'ברויך א דירה, מ'ברויך פרנסה, אלעס ברויך מען האבן, אבער די ישועה פונעם מענטש איז דאס, ער זאל אנערקענען ווי ווייט ער איז פון אייבערשטן, ער זאל זיך שעמען דערמיט. נישט ער זאל זאגן מיטן מויל, איך שעם מיך, און ווען ס'קומט דערצו, טוט ער ווייטער וואס ס'טויג נישט, וואס קאסט עס געלט צו זאגן. ער זאגט ער וויל זיין גוט, זייער גוט אז ער וויל, אבער פון וואנדט וויים איך אז ער וויל, ער זאגט ער וואלט געוואלט דאווענען, ער וואלט געוואלט לערנען, ער וואלט געוואלט געבן צדקה, אז ער טוט טאקע אזוי, וויים איך אז ער וויל טאקע, ער זאגט צו ער וועט שוין אויפשטיין צופרי, און מארגן שטייט ער ווייטער נישט אויף, זעהט מען דאך אז ער וויל נישט.

**איז** דאך דער עיקר דאס, דער מענטש זאל זיך אמת'דיג שעמען, נישט נאר מיטן מויל, נאר ער זאל אנערקענען און מודה זיין ווי ווייט ער איז, דעמאלטס איז דער אייבערשטער גלייך מוחל, ווייל דער אייבערשטער ווייסט דאך אז א יוד האט נישט געוואלט זינדיגן, ס'איז נאר געווען באונס ובשוגג, מיט פארשידענע מיטמאכענישן האט

עס פאסירט, דער אייבערשטער זעהט אלעס, ממילא אזוי ווי ער שעמט זיך, ער אנערקענט, איז ער אים גלייך מוחל.

**פארדעם** זעהט מען, אז ראש השנה דערמאנט מען נישט קיין חטא, ס'שטייט מ'זאל נישט זאגן אפילו אבינו מלכנו חטאנו לפניך, און יום הקדוש ווידער, זאגט מען כסדר על חטא שחטאנו לפניך, מ'איז זיך מתודה ביי יעדע שמונה עשרה צוויי מאל, און מ'זאגט א גאנצן טאג, חטאנו צורנו, אנא סלח נא, פשע ועון שא נא. שטייט דער טעם אויף דעם אזוי, די עבירות און די מצות וואס דער מענטש האט געטון, זענען פארצייכנט אויבן, דער מענטש אליין שרייבט עס אויף יעדע נאכט, און דער בית דין של מעלה זעהט דאס. אבער ווי אזוי דער מענטש האט געטון די עבירה, מיט וואסערע כוונה, און ווי ווייט ער האט עס נישט געוואלט, דאס ווייסט מען נאך נישט, און אזוי אויך ווי אזוי ער האט מקיים געווען א מצוה, מיט וויפיל הארץ, מיט וויפיל מחשבה, דאס אלעס ווייסן זיי נישט, זיי קענען זעהן די זאך, נישט די הארץ. ממילא ראש השנה גייט אלעס מיט א משפט, ביים בית דין של מעלה ציילט מען די עוונות און די זכיות, וויל מען נישט דערמאנען קיין חטא, אויב מ'זאגט חטאתי, איז מען מעורר דינים. אבער יום כיפור משפט דער אייבערשטער אליין, יום כיפור איז דער חותם, איידער מ'חתמ'ט טוט דער אייבערשטער אליין נאכקוקן די זאך, אז דער אייבערשטער קוקט, זעהט ער דעם אמת, חותמו של הקב"ה אמת, ער זעהט די עבירה איז געווען באונס, דאס איז געווען בשוגג, די מצוה איז געווען מיט אזא מסירות נפש, וועגט עס אסאך מער, אז דער אייבערשטער זאגט אוים וואס ס'איז אלץ געווען, האט מען נישט מורא.

**אויף** דעם זאגט דער פסוק, כי ביום הזה יכפר עליכם, לפני ה' תטהרו, ווייל ס'איז לפני ה', פארן באשעפער אליין, תטהרו, ווערן מיר גערייניגט. אויף דעם בעהט מען, מלפניך משפטי יצא, ווייל עיניך תחזינה מישרים, דו זעסט עס ריכטיג, דער אייבערשטער ווייסט גענוי די געדאנקן ווי אזוי ס'איז געווען, דער בית דין של מעלה ווייסט דאס נישט. דאס ברענגט דער רמב"ם אליין ארוים, ער זאגט עס בפירוש אין הלכות תשובה (פ"ג ה"ג), אז די זכיות און די עוונות, אין שוקלין אלא בדעתו של א'ל דעות, שוקל זיין די זאך קען נאר השי"ת אליין, ער איז דער יודע מחשבות, נאר ער ווייסט ווי אזוי עס אפצוועגן.

**אויף** דעם זאגט מען יום הקדוש, אתה יודע רזי עולם ותעלומות סתרי כל חי, אין דבר נעלם ממך ואין נסתר מנגד עיניך, הלא כל הנסתרות והנגלות אתה יודע, ובכן

יהי רצון מלפניך, שתמחול לנו, ותסלח לנו, וואס איז דער ובכן, מ'וואלט געדארפט זאגן, יהי רצון שתמחול לנו. נאר דאס זאגט מען, וויבאלד דו ווייסט דאך אלע תעלומות, ווייסטו דאך ווי ווייט די מחשבה איז געווען, ווי ווייט דער רצון איז געווען, ובכן, וועגן דעם בעהטן מיר, נעם דיך אן פאר אונז, השי"ת זעהט דאך אז ס'איז געטאן געווארן אומווילנדיג, אן קיין רצון, מ'האט פארגעסן, ס'איז געווען פארשידענע מיספארשטענדישן, מיטמאכענישן, ממילא טאקע וועגן דעם איז דער חטא אסאך קלענער, און די מצוה אסאך גרעסער.

**אויסער** דעם זענען יום הקדוש דא נאך פארשידענע המתקות, אפילו אויף וואס ס'קומט יא אן עונש חלילה, ווערן יום הקדוש נמתק פארשידענע זאכן, דער שטן קען נישט מקטרג זיין, און מ'קען טון חסד. אבער אפילו על פי שורת הדין, גייט אראפ דער חטא, וויבאלד דער אייבערשטער אליין קוקט עס דורך, ווערט אסאך נמתק.

## - ד -

**על** כל פנים, גייען מיר צוריק, איז דאך דער עיקר יסוד, דער מענטש זאל זיך אהערנעמען, ער זאל חרטה האבן מיטן גאנצן הארץ, ער זאל זיך אמת'דיג שעמען, און דאס וויל נישט דער מענטש וויסן, ער וויל נישט מודה זיין, דאס גאות נעמט אים ארום, ס'מאכט בלינד די אויגן, ס'פארדעקט ער זאל נישט זעהן אז ער האט געזינדיגט. מ'זעהט ביי די פרה אדומה, האט מען געדארפט אריינווארפן אינעם אפר, די עץ ארז ושני תולעת ואזוב, זאגט רש"י, שהגבוה שנתגאה וחטא, ישפיל את עצמו כאזוב ותולעת ויתכפר לו, דאס איז געווען די טהרה, אז מ'האט מתקן געווען די גאות און זיך משפיל געווען, מודה געווען, היינט אז מ'האט נישט די פרה אדומה, ווייסט מען גארנישט אז גאות איז עפעס א חסרון, ער האט נישט געהערט פון דעם, ער פארשטייט דאס נישט, ער ווייסט נישט וואס דאס הייסט, זיך משפיל זיין, ער האלט ער איז גערעכט, נאר יענער האט געזינדיגט, זיך וויל ער גארנישט אהערנעמען, ער זאגט, ער האט אמאל געזינדיגט, ער האט שוין פארגעסן, ער ווייסט נישט, און קיינער ווייסט נישט.

**דאס** ברויך מען טויזענט מאל איבערצוזאגן, א מענטש מיינט מ'וועט נישט וויסן וואס ער האט געזינדיגט, ער האט געזינדיגט אמאל, און ער האט שוין פארגעסן, ער מיינט אז ער קען באהאלטן. פארדעם זאג איך איבער אלץ, מ'זאל גוט וויסן, אז א מענטש טוט א פעלער, איז נישט פארהאנען ס'זאל נישט ארויסקומען, וואס א מענטש טוט, ווייסט מען, נישט נאר בעולם העליון, נאר אפילו דא אונטן זעהט מען אלעס. איך זאג עס איבער נאכאמאל, דאס קענט עטץ מיר גלייבן, איך נעם עס אויף מיר, פאר א

מענטש דאכט זיך אמאל, ער וועט טון אזאך און מ'וועט נישט וויסן, ס'איז נישט פארהאנען אזא זאך, נאר דער בעל דבר גיט אכט, אז דערוויל זאל עס נישט ארויסקומען, אזוי קען ער אים איינרעדן ער זאל ווייטער זינדיגן, אבער באמת ווייסט מען אלעס געניו, אין הימל רעד איך נישט אז מען ווייסט, נאר אפילו דא אונטן ווייסט מען אלעס, מ'ווייסט מיט וואס ער האט זיך געלייגט ביינאכט, מיט וואס ער איז אויפגעשטאנען, וואס ער האט באהאלטן, וואס ער טראגט מיט זיך, דא טראגט ער דאס, דא טראגט ער יענץ, ממילא איז דאס די גרעסטע טפשות, אז דער מענטש רעדט זיך איין אז מ'ווייסט נישט, אלעס קומט ארויס.

**ממילא** דארף דאך דאס אליין זיין די בושה, אז מ'ווייסט אלעס אפילו דא אונטן, איז נאר דאס די עצה, מ'זאל זיין א מודה על האמת, מ'זאל איבערבעטן דעם איבערשטן, מ'זאל דאס אפוישן מיט אמת'דיגע בושה, אמת'דיגע חרטה, דאס איז די טהרה פונעם חטא.

**ממילא** אז מ'האט געליינט היינט אזא פרשה, פרשת פרה, דארף מען נתעורר ווערן צו דעם, אזוי ווי ס'איז געווען ביים עגל, אזוי ווי דארט איז געווען דער בושת הפנים, דאס איז געווען די כפרה, אזוי דארף אויך אויסזעהן ביי אונז די תשובה, דער מענטש זאל זיך שעמען אז ער האט געזינדיגט, און שעמען מיינט אזא בושה וואס ברענגט מ'זאל מער נישט זינדיגן, ס'זאל זיין לבלתי תחטאו, בושה איז טייטש ס'טוט אים אזוי ווי, אז ער וועט עס שוין קיינמאל מער נישט טון, דעמאלטס מוחלין לו על כל עוונותיו.

- ה -

**פארדעם** האט מען זיך געפירט, אויף שבת פרשה פרה איז מען געפארן צום צדיק, ווייל דער צדיק צו וועמען מ'איז געפארן, האט געוואוסט גרויסע זאכן, ער האט געהאט דעם כח צוצוברענגען יודן צו דעם, אז זיי זאלן זיך שעמען, זיי זאל שפירן אז מ'קען נישט זינדיגן. ווי ס'שטייט ביי אברהם אבינו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט, ס'איז דאך נאך נישט געווען די תורה, די משפט, ווי אזוי האט ער געלערנט לעשות צדקה ומשפט. נאר די וואס האבן זיך געדרייט לעבן אברהם אבינו ע"ה, האבן געוואוסט אז מ'קען נישט טון עפעס אנדערש, נאר רצון הבורא, ווער ס'האט געקענט אברהם, האט געוואוסט אז מ'קען נישט זינדיגן, ער האט אזוי ארייגעלאכטן, אז מ'זאל וויסן און שפירן אז מ'טאר נישט זינדיגן, ס'לוינט נישט צו זינדיגן, און ווי דער פסוק זאגט, מ'זאגט דאס אין די הפטורה

(פ' מסעי), ודעי וראי כי רע ומר עזבך את ה' אלקיך, דאס אליין, דאס פארלאזן דעם אייבערשטן, איז דאס ערגסטע, נישט וועגן דעם זאלסטו נישט זינדיגן, וועגן גיהנם, וועגן גיהנם אליין איז אויך גענוג ביטער, זייער ביטער, נישט צום אויסהאלטן, אבער נישט דאס זאל זיין דער עיקר צער, נאר וועגן דער חטא אליין, וועגן דעם מסך המבדיל וואס דער חטא מאכט, און איין חטא ברענגט דאס אנדערע, עבירה גוררת עבירה. דאס האט אברהם אבינו אזוי אריינגעפלאנצט, מ'זאל דאס וויסן און שפירן, ווי שלעכט דער חטא איז, און ווי גוט א מצוה איז, מצוה איז א לשון צוותא חדא, ס'באהעפט צום אייבערשטן, ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום, און מצוה גוררת מצוה, דאס אליין איז דאס בעסטע.

**דאס** איז דער ענין וואס די גמרא זאגט (ב"ב טז:), אבן טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם אבינו, ס'האט געלאכטן, אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהיילט געווארן. וואס הייסט געהיילט געווארן, ער איז געהיילט געווארן פון זיינע געמיינהייטן, ער איז געווארן גערייניגט פון יעדע עבירה, פון יעדע טומאה, מ'האט געקוקט בצווארו של אברהם, דאס מיינט מען דאס דאווענען וואס גייט דורכן האלדז, דער קול קומט פונעם גרון, פון די קנה, און דאס עסן פון אברהם אבינו, וואס גייט דורך דעם ושט, ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהיילט געווארן.

**און** אזוי האט מען געזעהן אין אלע דורות, אז מ'האט געקוקט אויף א מענטש וואס האט נישט פוגם געווען, אוי האט דאס געהיילט, אז מ'האט אים נאר אנגעקוקט, האט מען אנגעהויבן צו פארשטיין וואס דאס הייסט יודישקייט, מ'האט שוין געשפירט, ס'האט דורכגענומען. אזוי ביי די אבות, און אזוי ביי די תנאים ואמוראים, די גמרא זאגט דאך (עירובין יג:), ווייל ער האט געלערנט פון אונטן, ער האט געזעהן רבי מאיר מאחוריה, איז ער געווען שארפער פון זיינע חברים, ווען ער וואלט אים געזעהן פון פארנט, וואלט ער געווען נאך מער, וואלט ער געקענט מער מקבל זיין, אויב ער וואלט געזעהן די צורה. זעהט מען דאס אין די גמרא, אלעם וואס מ'האט געזעהן ביי תלמידי בעל שם, שטייט אין חז"ל, אויב מ'איז נאר געווען אמאל וואו א צדיק איז געווען, אין די שטוב וואו ער האט געדאווענט, אן אמורא, האט מען שוין געשפירט די קדושה, און אזוי ביים בעל שם ותלמידיו שפעטער, און אלע צדיקים וואס גייען אויף דעם וועג. צום בעל שם טוב איז געקומען אמאל א יוד, ער האט געבעטן ער זאל אים זאגן מוסר, האט ער אים געהאלטן א יאר ביי זיך, ער האט אים גארנישט געזאגט, נאך א יאר האט ער אים אנגעהויבן זאגן מוסר, ווייל דאס אליין אז ער האט געזעהן און געהערט

דעם בעל שם טוב, האט אים איבערגעמאכט, ווען די אויערן זענען נישט פארשטאפט, און די אויגן זענען נישט פארמאכט, קען מען פון דעם אליין זעהן אז מ'ברויך צו דינען דעם אייבערשטן.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן מ'זאל זוכה זיין, צוצוקומען צו די ריכטיגע תשובה, צו די ריכטיגע בושה, וועט מען נישט ברויכן זיך שעמען, נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, שלא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד, און אויף דעם ווארט מען אויבן, כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה, משיח אליין האט געזאגט פארן רבי ר' אלימלך זי"ע, אז דער בית המקדש איז שוין פארטיג, נאר דער ארון פעלט נאך, דער קאמארנער זי"ע ברענגט עס אין היכל הברכה (תצא דף קעד, ויקרא דף קטז), משיח האט אליין געזאגט, זאלסט וויסן אז אלעס איז גרייט, נאר דעם ארון ברויך מען ארייננצוברענגען אין מקדש אריין. און דאס קומט דורך אונזער עבודה, ארון איז אותיות נורא, דורך אונזער יראת ה', דורך אונזער יראה און בושה ברענגט מען אריין דעם ארון אינעם מקדש של מעלה.

**און** דאס איז געווען דער עיקר חילוק פונעם מקדש ראשון און מקדש שני, דער אור איז געווען אסאך ווייניגער ביים מקדש שני, ווייל ס'איז נישט געווען דער ארון, נאר דער אבן שתיה, דארט האט מען אראפגעשטעלט די קטורת. כאטש ס'איז דעמאלטס אויך געווען גרויסע אורות, אבער גאר אנדערש ווי ביים מקדש ראשון, דער תניא ברענגט עס נאך אין א שמועס, אין ליקוטי אמרים איז ער דאס מסביר (פנ"ג), ביים מקדש ראשון איז געווען דער ארון, האט מען מקבל געווען פון א העכער פלאץ, דער אור איז געווען גרעסער, דער מקדש שני איז געווען מיט א קלענערן אור, ס'איז געווען א גרויסער חילוק.

**זעהט** מען פון דעם אז דער ארון איז דער שטארקער אור, אויף דעם ווארט מען, דעמאלטס ווען משיח וועט קומען, וועט צוריק נתגלה ווערן די גרויסע יראה. און דער אור פון די ערשטע לוחות וועט אויך צוריק נתגלה ווערן, א דבר שבקדושה ווערט נישט בטל אויף אייביג, קדושה לא פקעה בכדי, ס'וועט ווייטער לייכטן, ס'וועט נישט זיין מער קיין שכחה, ס'וועלן דעמאלטס זיין צוריק די אלע אורות, די אלע השגות וועלן צוריק נתגלה ווערן, תורה חדשה מאתי תצא, די תורת הנסתר וועט דעמאלטס ווערן נגלה, אור חדש על ציון תאיר במהרה, מהרה יבנה המקדש, ונזכה לראות בנחמת ציון וירושלים, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ"א)

# תורה ג

## - א -

די וואך ווערט עטליכע מאל דערמאנט דער ענין פון קול תפלה, די יודן האבן געזאגט, **ונצעק אל ה' וישמע קולנו**, זאגט רש"י הק', בברכה שברכנו אבינו הקול קול יעקב, שאנו צועקים ונענים. מיטן כח התפלה זענען זיי געווארן אויסגעלייזט, דאס איז דער כח פון א יוד, דער קול וואס מיר האבן גע'ירש'נט פון די אבות. שפעטער אין די פרשה שטייט, אז די יודן האבן איינגענומען עמלק מיטן כח פונעם קול, **וישמע ה' בקול ישראל**, מיטן קול תפלה האבן זיי באזיגט. די אנדערע וואך שטייט, **וירא בלק בן צפור את כל אשר ישראל לאמורי**, טייטשן די ספרים, ער האט געזעהן אז אלעס וואס יודן האבן געטון, לאמורי, איז דורך זייער כח פון רעדן, יודן האבן א כח צו רעדן צום אייבערשטן, צו דאווענען, צו בעטן, צו איבערבעטן, אין כחנו אלא בפינו.

און דאס איז נעבעך זייער שוואך ביי אונז, דער קול ישראל איז שוואך, מ'ווייסט גארנישט אז דאס איז עפעס א יחוס, א מעלה, אויפצוהייבן דאס קול ביים דאווענען. אין בבא קמא (ג:) זאגט די גמרא, מבעה זה אדם שנאמר אם תבעיון בעיו, וויבאלד ביים מענטש טרעפט מען דאס לשון תבעיון בעיו, בעטן, הייסט דער גאנצער מענטש מבעה. זאגן די ספרים הק', ווען מ'רופט א מענטש מיט א נאמען, הייסט דאס אז דאס איז דער מענטש, דאס באטיטלט זיין מהות, זיין כח, אז דער מענטש ווערט אנגערופן מבעה, הייסט דאס, אז דער גאנצער כח פונעם מענטש איז, אז ער איז א מתפלל, אויף דעם איז דער מענטש באשאפן געווארן, ער זאל מתפלל זיין. ווי ס'שטייט ביי די בריאת האדם, וייצר ה' אלקים את האדם עפר מן האדמה ויפח באפיו נשמת חיים, זאגט רש"י הק', עשאו מן התחתונים ומן העליונים, גוף מן התחתונים ונשמה מן העליונים. פארוואס האט דער רבוש"ע גענומען א נשמה מן העליונים, א חלק אלו'ה ממעל, עס אריינגעלייגט אין א גוף מן התחתונים, כדי דער מענטש זאל באהעפטן די צוויי זאכן, ער זאל אויפהייבן דעם גוף צו די נשמה, מחבר זיין תחתון לעליון, דאס איז געווען דער תכלית פון בריאת האדם. פארדעם הייסט דער מענטש אדם, פון לשון אַדַמֶה לעליון, די תכלית פון זיין בריאה איז, ער זאל זיין דומה לעליון, ער זאל אויסאיידלן דעם גוף, ער זאל זיין גלייך צו די נשמה. אבער אזוי ווי אדם הראשון האט געזינדיגט, האט ער געמאכט פארקערט, ער האט מהפך געווען עליון לתחתון, ער האט מוריד געווען די נשמה, עס אונטערגעווארפן אונטערן גוף. און אונזער עבודה איז, מתקן צו זיין דעם חטא פון אדם הראשון, מ'זאל צוריק מהפך זיין, מחבר זיין דעם

תחתון לעליון. פארדעם האט מען אונז געגעבן די תורה ומצות, יעדע מצוה קומט צו באהעפטן צום אייבערשטן, אשר קדשנו במצותיו, מצוה איז א לשון צותא חדא.

**אבער** דער עיקר כח צו דעם, איז דורכן כח התפלה, תפלה איז א לשון באהעפטן, נפתולי אלקים נפתלתי, זאגט רש"י הק', לשון חיבור, דורך דעם וואס דער מענטש איז מתפלל צום אייבערשטן, ער איז משתוקק אויף ארויף, איז ער מיט דעם מחבר דעם תחתון לעליון. קומט אוים אז דער גאנצער מענטש איז וועגן דעם באשאפן געווארן, ער זאל זיין א מתפלל, פארדעם ווערט ער אנגערופן מבעה, ווייל דאס איז זיין גאנצער כח, דורך תפלה איז ער זיך מתחבר צום אייבערשטן. פארדעם האבן צדיקים ביי זייער תפלה געקענט אויסגיין אינגאנצן, די תפלה האט זיי ממש מחבר געווען לעליון, מ'האט זיי געדארפט היטן ביי יעדע תפלה.

**פארדעם** ווען נישט דער חטא אדם הראשון, וואלט א מענטש נישט געברויכט שטארבן, נאר וואס וואלט געווען, וואלט מען דען געבליבן אויף דער וועלט אויף אייביג, ניין, מ'וואלט ארויף מיטן גוף, אזוי ווי אליהו הנביא האט נישט געברויכט נסתלק ווערן, ווען ס'קומט די צייט, וואלט מען געגאנגן מיטן גוף ארויף, דער תחתון וואלט מיטגעגאנגן מיטן עליון, ווייבאלד מ'האט אים אויפגעהויבן. נאר אזוי ווי מ'האט נעבעך געזינדיגט, מ'האט נישט מהפך געווען דעם גוף, מ'האט אים נישט אויסגעאיידלט, קען ער נישט מיטגיין, גייט ער וועגן דעם אין קבר, ער זאל דארט ווערן א צורה, דארט ווערט ער געלייטערט, ער זאל קענען אויפשטיין ביי תחיית המתים, פון דעם איז געווארן דער ענין פון מיתה.

**פארדעם** צדיקים וואס האבן אויסגעאיידלט דעם גוף, האבן געקענט מאכן אן עליית נשמה, זייער גוף אליין איז געווען א צורה, האבן זיי אלץ געקענט ארויפגיין אויבן. און נאך זייער הסתלקות זענען זיי געקומען יעדע נאכט צום לערנען, רבינו הקדוש איז געקומען אהיים יעדן שבת ביינאכט (כתובות קג.), מיט דעם אייגענעם גוף, און נאך צדיקים שפעטער אויך, ווייל ס'איז נישט געווארן ביי זיי אפגעטיילט, דער גוף איז מיטגעגאנגען מיט די נשמה.

- ב -

**און** אונז דארף מיר דאס מאכן דורך תפלה, דאס איז דער מחבר, אויף דעם זאגט דוד המלך ואני תפלה, איך בין א באהעפטער, א מחבר, איך בין געקומען אויף דער וועלט צו באהעפטן דעם עולם התחתון צום עולם העליון. דוד המלך איז געווען די מדת

המלכות, מלכות איז די לעצטע מדה, דער עולם התחתון, איז זיין עבודה געווען אויפצוהייבן די מדת המלכות, עס מחבר זיין לעליון, דאס האט ער דורך תפלה געטון, פארדעם האט ער שטענדיג מתפלל געווען, ואני תפלה, דאס איז געווען זיין מהות, זיין שורש. און דאס קען יעדער יוד מאכן, דורך תפלה קען ער אויפהייבן דעם גוף, לויט וויפיל כח ער לייגט אריין אין תפלה, סיי ביים דאווענען, און ביי אנדערע בקשות, וויפיל ער בעהט דעם אייבערשטן, און וויפיל ער טוט תשובה, תפלה איז דא ביי יעדע זאך, ביים לערנען דארף מען אויך רעדן צום אייבערשטן, פאר מ'הייבט אן לערנען דארף מען זאגן א לשם יחוד, און בעטן דער אייבערשטער זאל חונן דעת זיין, מ'זאל פארשטיין דאס לערנען, און מ'זאל האבן א כח הזכרון, לויט וויפיל דער מענטש טוט אין דעם, איז ער מער מחבר דעם תחתון לעליון, ווערט דער גוף מער אויסגעאיידלט.

און דאס טוט מען נישט, מ'לייגט נישט אריין קיין כחות אין תפלה, דאס איז דער גלות נעבעך, דער קול יעקב איז זייער שוואך, מ'הערט עס קוים. פרייטאג צונאכטס הער איך נישט דאס קול, די בחורים מאכן נישט אויף דאס מויל, ביי לכו נרננה אויך נישט, איך ווייס נישט וואס דאס איז, שוין צוויי וואכן וואס איך הער נישט זייער קול, און שבת בייטאג אויך נישט, מ'איילט זיך אזוי ביים דאווענען בייטאג, און זיי מאכן גארנישט אויף דאס מויל. און מ'טאר ניטאמאל זיין ברוגז אויף זיי, זיי זענען דאך זייער עמפינדלעך, אז מ'זאגט זיי אווארט, ווערן זיי אוים מענטש, א מענטש דארף זיך פרייען אז מ'וויל אים לערנען, אז מ'וויל אים זאגן, דערווייל לאזן זיי זיך נישט זאגן, און מ'טאר נישט האבן א הקפדה אויך נישט, אודאי נישט, ס'איז דאך אן עבירה. אבער ס'איז דאך זייער ביטער דער מצב, און קיינער מאכט זיך נישט וויסנדיג, ס'איז נישטא ווער ס'זאל פארשטיין דאס, ווער ס'זאל דאס אהערנעמען, זיי מסביר זיין, אז ס'טאר נישט זיין אזא זאך, אז ס'שטייען בחורים ביים דאווענען, און זיי הייבן נישט דאס קול, נאר ביי די שמועסערייען, דארט הייבן זיי דאס קול, אויף די טעלעפאנען ווייסן זיי שוין ווי אזוי אויפצומאכן דאס מויל.

און ממילא, אז מ'לייגט נישט אריין כחות אינעם דאווענען, האט מען נישט דעם כח החיבור, מחבר צו זיין תחתון לעליון, נאר פארקערט, מ'איז מוריד עליון לתחתון, מ'איז מוריד די נשמה צום גוף, מ'טוט די שכינה אריינווארפן אין גלות, אין די טיפעניש, מ'ווערט נעבעך מער און מער פארגרעבט, מ'האט ליב צו שלאפן גוט, און עסן גוט, דער מענטש האט ליב צו עסן א גוטן פרישטאג, און ס'איז נישט גענוג וואס ער דארף עסן, ער רופט נאך דעם יצר הרע צו זיך, ער זוכט צו עסן נאך, ער האט

ליב זיסע זאכן, און זיסע געטראנקן, און צו רעדן אלע נייעסן, ער לויפט אלץ צום טעלעפאן, איך שריי געוואלד, מ'זאל שוין נישט זיין אזוי צוגעבונדן צו די טעלעפאנען, און ער לויפט ווייטער, ס'הייסט מ'האט אים גערופן, נישט גערופן, יא גערופן. און ווען ס'קומט צום קול תורה, צום קול תפלה, הערט מען גארנישט, א ברכה זאגט ער אונטער די נאז, ער ווייסט ניטאמאל, ער האט עס יא געזאגט, נישט געזאגט, און בענטשן בענטשט ער ווי אזוי ס'איז, און צום דאווענען קומט ער אן שפעט, ער לאזט אויס, ער כאפט נאך ביז ברכו, און מארגן טוט ער נאכאמאל אזוי. און ער האלט גארנישט אז ס'פעלט אים עפעס, ער קען זאגן, ער האט גאר יא געדאווענט גוט. א מענטש קען האבן די גרעסטע ווייטאג, אז מ'גיט אים א נידל שפירט ער גארנישט, אזוי מאכט דער בעל דבר, ער גיט אריין אזא טמטום הלב, מ'זאל גארנישט שפירן וואו מ'האלט. אזוי קען א בחור וואקסן, די שענסטע יארן לויפן דורך ווי אין עולם התוהו, הפקר גייט ער ארום, ס'איז ביטער שבביטער, און ער וויל גארנישט הערן וואס מ'רעדט צו אים.

- ג -

**בעהט** איך ברחמים, יעדער יוד, דער ארימסטער, דער שוואכסטער, דער קלענסטער און דער גרעסטער, מוז זיך אריינלייגן אינעם דאווענען, דאס אפרעכטן ווי ס'דארף צו זיין. די ערשטע זאך זאג איך, זאל מען נישט רעדן ביים דאווענען, אזוי קען מען אנהייבן, פון דעם קען מען גיין ווייטער, צוביסלעך זיך אריינטון, דערוויל רעדט ער פון פארנט און פון אונטן, ווען א מענטש איז ממש אן אונס, קען מען פאר הודו נאך אויסרעדן אמאל א ווארט, וואס מ'מוז, אבער נישט ווי א מענטש זאגט, נאך שמונה עשרה מעג מען שוין רעדן, פאר הודו מעג מען נאך רעדן, מ'טאר נישט, מ'האלט דאך אינמיטן דאווענען.

**בעהט** איך דעם טייערן עולם, העלפטס מיר צו, יעדער איינער, מ'זאל קענען אריינברענגען יודישקייט אינעם עולם, אריינברענגען גאסן זאכן איז זייער גרינג, אריינברענגען יודישקייט דארף מען, איינער אינעם אנדערן, מ'זאל ווארעם מאכן דאס דאווענען, ווארעם מאכן דעם עולם, און ווארעם מאכן דעם בעל תפלה. די וואך שטייט על כן יאמרו המושלים, זאגט די גמרא (ב"ב עח:) אלו המושלים ביצרם, זיי זאגן באו חשבון, מ'זאל מאכן א חשבון הנפש, תבנה ותכונן עיר סיחון, ווי אזוי מ'קען אויפבויען און אוועקשטעלן דאס דאווענען, סיחון זאגט די גמרא, איז א לשון שיחה נאה, מ'זאל קענען רעדן צום אייבערשטן שיין. ווען ס'וואלט געברענט דאס יודישקייט, וואלט מען

מער געטון אין דעם, אריינצוברענגן אנדערע אינעם דאוועגען, ווען א מענטש זוכט פרנסה, שטעלט ער צוזאם מענטשן, ער ברענגט אריין אנדערע, אונז ארבעט מיר דאך אויף פרנסה, ישראל מפרנסין לאביהם שבשמים, דארף ברענגען א פייער אין הארץ, אריינצוברענגען יודישקייט אין יעדן.

קודם כל, ווען דער מענטש אליין דאווענט גוט, האט דאס דאך א געוואלדיגע השפעה אויף אנדערע, ווען די טייערע בעלי בתים וואלטן בעסער געדאווענט, וואלט אלעם אנדערש אויסגעזעהן, וואלטן די בחורים נאכגעטון. דערווייל איז עס נאך אזוי שוואך, מ'איז נאך אזוי פארשטאפט, ס'איז נאך אזוי קאלט, אזוי כאפעדיג, ער שפרינגט אהער, שפרינגט אהין, ער לאזט אויס שטיקער, ווי אזוי זאגט ער ארויס די עברי', און ווי אזוי זאגט ער ארויס דעם שם, און ער האלט אז אלעס איז כשר וישר, ער האלט זיך נאך פאר א חסידי'שער יוד, און פאר א שיינער יוד אויך, נאר דאגות פון פרנסה האט ער. וואס וועט זיין, וואס וועט מען ענטפערן אויף דעם אויבן, וואס וועט ער זאגן דארט, ער האט געוואלט קומען און ער האט נישט געקענט, ווען ער דאס איינרעדן, ער וועט זאגן, איין מאל א וואך בין איך געקומען אין צייט צום דאווענען, ס'וועט דאך זיין א חוזק.

איך זאג דאס לשון אזוי שטארק, נישט ווייל איך בין חלילה אין כעס, נאר איך מוז עס ארויסזאגן, מ'זאל פארשטיין וואס איך מיין, ס'זאל אריינגיין אין די געדאנקן, ביי מיר און ביי יעדן איינעם, אונז זאל מיר זיך אלע אהערנעמען, די מלחמת היצר איז דאך געוואלדיג גרויס, און אז מ'לערנט נישט קיין ספרים הק', קען מען נישט די תכסיסי מלחמה, ווייסט מען נישט וואו מ'איז אויף דער וועלט, אזוי ווי ס'איז, האט אונז דאך דער בעל דבר גוט אין די האנט, ער האט גרויסע טירן אריינצוקומען צו אונז. פארדעם איז זייער וויכטיג, מ'זאל ביי שלש סעודות זיצן אינאיינעם, הערן וואס די ספרים הק' זאגן, וואס זיי לערנען אונז, לאמיר עפענען די אויגן, ניתי ספר ונחזי. פרייטאג צונאכטס איז זייער שפעט, ס'איז נישטא קיין צייט זיך דורכצורעדן, און בייטאג אויך נישט, און א גאנצע וואך בין איך אויך נישט מיטן עולם, איז זייער וויכטיג, מ'זאל די זכיה האבן, מ'זאל ביי שלש סעודות זיצן אינאיינעם און אויסהערן, איך קום נישט זאגן קיין שיינע תורה, די תורה איז אלץ שיין, וואס מ'זאגט, דער עיקר וואס איך וויל רעדן, וואס ס'איז וויכטיג פאר מיר און פאר יעדן איינעם, מ'זאל וויסן ווי אזוי א יוד ברויך זיך צו פירן אויף דער וועלט, פארוואס ער איז דא געקומען, מ'זאל נישט פארגעסן פון וואס ס'האנדלט זיך, מ'זאל כאפן די צייט, די געלעגנהייט, מ'זאל זיך באצייטענס

פארבעסערן, די גאולה שלימה איז גרייט, מ'ווארט נאר אויף אונז, אין הדבר תלוי אלא בתשובה, ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, דורך די תורה וואס הייסט משפט, און צדקה הייסט די מצות, ווי דער תניא ברענגט (פל"ז), אז אין ירושלמי ווערט סתם מצוה אנגערופן צדקה, מיט דעם כח פון משפט וצדקה, וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה.

**זאל** מען זוכה זיין צו דעם במהרה, יהי רצון שיבנה בית המקדש במהרה בימינו ותן חלקנו בתורתך, אזוי שטייט אין די משנה (אבות ה כ), נאך רבי יהודה בן תימא, און אזוי ענדיגט מען פאר הודו, נאכדעם זאגט מען קדיש דרבנן. היינט זאג איך שוין נאכדעם, ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות, ס'איז גלייך אז מ'לייגט דאס אויך צו, מ'זאל בעטן מ'זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מיט יראה, נישט נאר אין בית המקדש, נאר שוין היינט, מ'וואלט געברויכט צו זאגן ונעבדך ביראה כימי עולם, שוין, נאר דעמאלטס ווען משיח וועט קומען, וועט די יראה זיין מיט אסאך גרעסערע מדרגות. זאל מען זוכה זיין דערצו במהרה, און ביז דערווייל זאל אינעם גלות אליין נשפע ווערן אלע ברכות, ווי מ'האב מיר שוין געליינט פרשת בלק, די גאנצע פרשה איז א פרשה פון ברכות, ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה, מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, יהי רצון שיבנה בית המקדש במהרה בימינו מתוך שמחה, מתוך נחת, ס'זאל זיין אור חדש על ציון תאיר ונזכה כולנו במהרה לאורו, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ה)